לאָפּ *־דיזשורן ווענן פאַרלעשן דאָס ליכט......... נעשמאַנענער ריח פון טשאָלנט.
ווי אַזוי? ס'איז דאָך דאָנערשטיק, נישט שבת. — ......... אַ וואַלד, אַ טייך, אַ פייף
פון אַ באַן, אַן אָנסופיק, גאָלדן פעלד. קוזמער, טאַטרן......... ליטווישע גרענעץ.
אָט די בענקשאַפט, אָט די ווונד וועט קיינמאָל נישט [פאַרגיין, זי וועט בלייבן]
אויף אייביק, אייביק אפילו ווען שוין מאָרגן, שוין היינט זאָל צוריק ווערן.......
זאָל זיין אין שטאָט גופא, גיין, גיין, — גיין אָן אַן עק, אָן אַן אויפהער, [כאָטש
זען] דעם ברעג ווייסל, כאָטש די בלויזע שטאָט. די שטאָט, וואָס דו קענסט. דאָס
גליק פון האַסטיקן פאַרקערעווען איבער אַ ראָג, דערנאָך איוף......... הונדערטסטן.
מיט אַ צעבראַסטעטער מאַרינאַרקע, מיט גליקלעכע, אייליקע [טריט]. ד יי ן
ש ט אָ ט, דיין צווייטע מאַמע, דיין גרויסע, אייביקע ליבשאַפט. די בענקשאַפט
לעכערט דיר דאָס האַרץ. דאָס בלייבט שוין. — ערגעץ־ווו קלאַפּט־אָפּ.......איז
מען מודיע. פון בריסל ווערט געמאָלדן. בעלגראַד, פּאַריז... אָ, יאָ, מיר עסן גראָז.
יאָ, מיר פאַלן אין די גאַסן אָן איין וואָרט פון פּראָטעסט — מיר גיבן נאָר אַזאַ
פאָכע מיט די הענט און פאַלן....... די פּראָפילן פון אונדזערע קינדער, פון אונדזע־
רע ווייבער קריגן מיט יעדן טאָג אַן אָבלריקן אָנבליק פון פוקסן, פון דינגאָס, פון
קאַנגורן. אונדזערע געוואָיען ......... זענען ווי דאָס געהייל פון שאַקאַלן. אונדזער
הימן „פּאַפּיראָסי, פּאַפּיראָסי“ איז, ווי אַרויסגענומען פון עפּעס אַ רעזערוואַט,
פון אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. אָבער מיר זענען נישט קיין חיות. מיר אָפּערירן אונדזע־
רע עופהלער. ס'איז אפשר אומזיניק, אפשר גאָר פאַרברעכעריש. אָבער חיות
אָפּערירן נישט זייערע קליינע! — טאָקיאָ. האָנגקאָנג. ווישי, בערלין. אַלגעמיינע
צאָל שונאס פארלוסטן: ...... זעקסטויזנטאַכטהונדערט־ניינאונפערציק. שטאָקהאָלם.
וואַשינגטאָן. באַנגקאָק, אַ וועלט גייט כאַראָדאָס. אַ פּלאַנעט גייט־אָפּ אין טרערן.
און איך — איך בין הונגעריק, הונגעריק. איך בין הונגעריק.

וואַרשע, געטאָ, אויגוסט 1941.

(רינגעלבלום־אַרכיוו, ערשטער טייל, נ' 1486).

* לופט־שוץ — רעד.

telling people to turn out the light. There's a smell of *cholent*. How come? It's Thursday, not the Sabbath [. . .]. A forest, a river, the whistle of a train, an endless golden field. Kuzmir, Tatrn[. . .]. The Lithuanian border. This longing, this wound will never go away, it will stay forever, even if today, tomorrow should once again [. . .]. Let it be in the city itself, go, go—go forever, without stopping, at least see the bank of the Vistula, at least see just the city. The city that you know, the happiness of quickly turning a corner, then [. . .] the hundredth. With an open jacket, with happy, swift steps. *Your city*, your second mother, your great, eternal love. The longing pierces your heart. It remains.

Somewhere they are typing [. . .]. They're reporting. It is reported from Brussels . . . Belgrade, Paris. Yes, yes, we're eating grass. Yes, we're falling in the streets without a word of protest—we wave our hands like this, and fall [. . .]. Each day the profiles of our children, of our wives, acquire the mourning look of foxes, dingoes, kangaroos. Our howls are like the cry of jackals. Our hymn, *papierosy, papierosy* (cigarettes, cigarettes) is like something from a nature reserve, a zoo. But we are not animals. We operate on our infants. It may be pointless or even criminal. But animals do not operate on their young!

Tokyo. Hong Kong. Vichy. Berlin. General number of enemy losses: six thousand eight hundred and forty-nine. Stockholm. Washington. Bangkok. The world's turning upside down. A planet melts in tears. And I—I am hungry, hungry. I am hungry.

Warsaw ghetto, August 1941

(Ringelblum Archive, Part I, no. 1486)

**Lejb Goldin**, born in 1906, was an essayist and translator of European literature into Yiddish. In the Ghetto, he was one of the staff members of the Bundist underground press. He wrote "A Twenty-Four-Hour Chronicle of Hunger," which vividly describes the effects of hunger on himself over the course of a single day. He was murdered in the summer of 1942 in the Treblinka death camp.



8. Lejb Goldin, "A Twenty-Four-Hour Chronicle of Hunger," August 1941

Paper, typed, in Yiddish. 21 × 30 cm (Sign. AŻIH Ring I/1167)